**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/19/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול 'שניידט דעם ריבאן' פאר די UBS ארענע - נייע היים פון די ניו יארק איילענדערס**

***נייע UBS ארענע מיט 19,000 זיצן א גרויסע עררייכונג פאר אלגעמיינע 1.3 ביליאן דאלארדיגע בעלמאנט פארק איבערמאכונג פראיעקט***

***נייע LIRR עלמאנט-UBS ארענע באן סטאנציע פארענדיגט***

***אלעס צוזאמען איז פראיעקט ערווארטעט צו שאפן 10,000 נייע דזשאבס, אויפטרייבן 2.7 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע אקטיוויטעט***

***בילדער פון די נייע ארענע זענען דא צו זעהן [דא]()***

***ווידעאו פון די לופט העכער די נייע ארענע איז דא צו זעהן [דא]()***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די UBS ארענע וועלכע וועט ברענגען די ניו יארק איילענדערס (New York Islanders) צוריק אהיים קיין לאנג איילענד. די נייע ארענע צייכנט אפ א גרויסע עררייכונג פון די אלגעמיינע 1.3 ביליאן דאלארדיגע בעלמאנט פארק איבערמאכונג פראיעקט וואס טראנספארמירט 43 אקער לאנד פון נישט גענוצטע פארקינג לאטס צו ווערן א הויפט ספארטס און גאסט אויפנאמע דעסטינאציע. אין צוגאב צו זיין די נייע היים פאר די ניו יארק איילענדערס האָקי טיעם, וועלן ווערן אפגעהאלטן אין די UBS ארענע קאנצערטן, לעבעדיגע אונטערהאלטונג און אנדערע פארזאמלונגען דורכאויס די יאר. צוקונפטיגע שטאפלען פון די בעלמאנט פארק איבערמאכונג פראיעקט וועלן ארייננרעכענען א 350,000-סקווער-פיסיגע דעסטינאציע אונטערהאלטונג און געשעפטן קאמפלעקס, א 250-צימערדיגע האטעל און א קאמיוניטי צענטער.אין צוגאב וועלן צוויי איבערגעמאכטע לאקאלע פארקס זיך צוריק עפענען פאר די פובליק אין די קומענדיגע חודשים. קאנסטרוקציע אויף אלע טיילן פון די פראיעקט צוזאמען איז ערווארטעט צו שאפן 10,000 נייע דזשאבס, אויפטרייבן 2.7 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע אקטיוויטעט פאר נעסאו קאונטי.

"היינט איז א מאנומענטאלע טאג פאר ניו יארק און פאר די איילענדערס אזוי ווי מיר שניידן דעם ריבאן און מיר באנייען די נייע הערליכע UBS ארענע", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "דאס איז די ערשטע שטאפל אין די פונדאסניי-אנטוויקלטע בעלמאנט פארק, וועלכע וועט דינען אלץ אן אלוועלטליך-אנערקענטע דעסטינאציע פאר ספארטס, אונטערהאלטונג, געשעפטן און האטעלן. אזוי ווי ניו יארק טוט פארזעצן זיך צו ערהוילן פון די קאוויד פאנדעמיע, וועט בעלמאנט פארק זיין א וויכטיגע מיטל צו פארשטערקערן די ראיאנישע עקאנאמיע און פארשטערקערן טוריזם פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**ליוטענאנט גאווערנאר ברייען בענדזשעמין האט געזאגט,** "די עפענונג פון די נייע UBS ארענע איז נישט נאר גוט פאר די איילענדערס — די נייע רענאוואציעס אין בעלמאנט פארק וועלן זיין א וואונדערבארע צוגאב צו די נעסאו קאונטי קאמיוניטי. די נייע פראיעקט וועט ברענגען אונטערהאלטונג און עקאנאמישע אקטיוויטעט צו די געגנט און עס מאכן אן אינטערנאציאנאלע צענטער פאר אלעס, פון ספארטס ביז גאסט אויפנאמע, און איך קען נישט ווארטן צו זעהן די נייע ארענע אין שוואונג."

די בעלמאנט פארק איבערמאכונג פראיעקט וועלכע איז אנאנסירט אין דעצעמבער 2017, רעכנט אריין באדייטנדע בענעפיטן פאר די קאמיוניטי און פאר די פובליק, אריינרעכענענדיג א נייע לאנג איילענד באן (Long Island Rail Road, LIRR) סטאנציע אין עלמאנט, די ערשטע נייע פול-טיים LIRR סטאנציע אין כמעט 50 יאר. ביז 2024 איז די פראיעקט ערווארטעט צו אונטערהאלטן 3,200 נייע פול-טיים דזשאבס, פראדוצירן 858 מיליאן דאלאר אין יערליכע עקאנאמישע אקטיוויטעט און אויפטרייבן צענדליגע מיליאנען דאלארן אין נייע יערליכע טעקס איינקונפט פאר די ראיאנישע עקאנאמיע.

**נייע LIRR עלמאנט סטאנציע**

די לאנג איילענד באן עלמאנט סטאנציע – די ערשטע נייע LIRR סטאנציע אין כמעט 50 יאר – וועט זיך עפענען פאר סערוויס אום שבת, נאוועמבער 20, אין די זעלבע צייט פון די ניו יארק איילענדער'ס ערשטע היים שפיל אין די UBS ארענע. די עלמאנט-UBS ארענע סטאנציע וועט צום ערשט אפפערן סערוויס צו די מזרח ריכטונג צו עלמאנט, דינענדיג די UBS ארענע און בעלמאנט פארק וועלכע האט איר אייגענע פאַרט-טיים סטאנציע.

סערוויס ביי די סטאנציע וועט זיך פארמערן קומענדיגע זומער, ווען די מערב-ריכטונג פלאטפארמע וועט זיך עפענען. אין דעם צייט וועט די סטאנציע אנהויבן פול-טיים סערוויס דורכאויס די גאנצע יאר פאר די לאקאלע קאמיוניטי, און עס וועט אנהויבן צושטעלן סערוויס אין די מערב ריכטונג צו און פון געשעענישן ביי די UBS ארענע און בעלמאנט פארק. לאנג איילענדער וועלכע וואוינען מזרח פון בעלמאענט אויף די העמפסטעד, אָיסטער בעי, פארט דזשעפערסאן און ראנקאָנקאמא ברענטשעס וועלן באקומען א גראדע רייזע דירעקט צו געשעענישן צום ערשטן מאל. דאס וועט רעדוצירן די צייט ווי לאנג עס נעמט צו פארן, און עס איז ערווארטעט צו פארמערן די צאל פון מענטשן וועלכע באטייליגן זיך אין געשעענישן וועלכע נוצן פובליק טראנספארטאציע, העלפנדיג פארגרינגערן טראפיק אנגעלייגעכץ אין לאנג איילענד.

וועןביידע פלאטפארמעס וועלן זיין פארענדיגט, וועט די נייע סטאנציע האבן צוויי 12-וואגן-לאנגע, הויכע פלאטפארמעס מיט דעכער, עלעוועיטארס קומען נאך צוגענגליכקייט סטאנדארטן פון דער אמעריקאנער מיט דיסעביליטיס געזעץ (Americans with Disabilities Act, ADA), א פיסגייער בריק, USB טשארדזשינג סטאנציעס, הילף פונקטן, זיכערהייט קאמעראס, דיגיטאלע שילדן מיט אינפארמאציע איבער צייטן ווען באנען קומען אן, ווײַ-פיי און א פארגעשריטענע שניי צולאזונג סיסטעם אריינגעבויט אין די צעמענט פון די פלאטפארמעס צו זיכער מאכן אז זיי בלייבן פריי פון שניי און אייז דורכאויס ווינטער שטורעמעס.

**איבערגעמאכטע עלמאנט ראָוד פארק און הענדריקסאן עוועניו פארק**

אלץ טייל פון די אלגעמיינע פראיעקט, טוהען New York Arena Partners רענאווירן עלמאנט ראָוד פארק און עס מאכט פארבעסערונגען צו הענדריקסאן עוועניו פארק. די פלאן פאר עלמאנט ראָוד פארק איז אנטוויקלט געווארן מיט די לאקאלע קאמיוניטי באזירט אויף געדאנקען וואס איינוואוינער האבן פארגעשלאגן ביי אן ערמעגליכענדע פלאנירונג וואָרקשאַפּ אין אפריל 2019. ווען עס וועט פארענדיגט ווערן, וועט עלמאנט ראָוד פארק האבן א נייע ספארטס פעלד פאר פילפאכיגע באנוץ, רענאווירטע בעסקעט באל און האנטבאל הויפן, אן אויסגעפלאסטערטע וועג צו גיין ארום און ארום, א נייע דזשים פלאץ פאר ערוואקסענע, נייע שפיל ערטער און וואסער שפילערייען ערטער, רענאווירטע זיצן ארט,

פארבעסערטע באלייכטונג און זיכערהייט מאסנאמען און ADA צוגענגליכקייט. פארבעסערונגען ביי הענדריקסאן עוועניו פארק רעכנט אריין פארבעסערטע באלייכטונג.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) טשעיר-נאמינירטער קעווין לאו האט געזאגט,** "מיט ניו יארק סטעיט צוריק עפענענדיג אירע טויערן, שיקט די עפענונג פון די נייע UBS ארענע און עלמאנט לאנג איילענד באן סטאנציע א קלארע מעלדונג אז לאנג איילענד איז אפן פאר ביזנעס. אלץ די נייע היים פאר די ניו יארק איילענדערס און זאל פאר לעבעדיגע אונטערהאלטונג פארזאמלונגען, וועט די UBS ארענע ברענגען א באדייטנדע שטופן פאר טוריזם און עקאנאמישע אקטיוויטעט פאר די ראיאן. טוריזם און גאסט אויפנאמע זענען וויכטיג פאר די סטעיט'ס עקאנאמיע, און דאס איבערמאכונג פון בעלמאנט פארט וועט טראנספארמירן די געגנט צו זיין א הויפט אונטערהאלטונג דעסטינאציע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט עקטינג קאמישאנער און פרעזידענט און CEO-דעזיגנירטע האָופּ נייט האט געזאגט,** "נאך יארן פון אפענע, צוזאמענארבעטנדע פלאנירונג מיט קאמיוניטי פירער און פארמישטעע, האבן מיר געשניטן דעם ריבאן פאר די נייע UBS ארענע - א הערליכע ספארטס און אונטערהאלטונג דעסטינאציע וואס וועט שאפן לאנג-אנהאלטנדע זכרונות פאר האַקי אנהענגער און פאר ניו יארקער. די צוקונפט איז ליכטיג פאר לאנג איילענד מיט אן איבערגעמאכטע בעלמאנט פארק ברענגענדיג נייע דזשאבס און טעקס איינקונפטן וועלכע וועלן העלפן מאכן די ראיאן'ס עקאנאמישע וואוקס שפראצן."

**ניו יארק איילענדערס קאָ-אייגענטומער דזשאַן לעדעקי האט געזאגט,** "עס איז אונז א זכות צו פייערן איילענדערס אנהענגער און ניו יארקער איבער די גאנצע ראיאן אזוי ווי די נייע וויכטיגע פלאץ פאר ניו יארק עפנט זיך היינט. מיר באדאנקען גאווערנאר האקול, די ערוויילטע בעאמטע און די פון אונזער קאמיוניטי וועלכע האבן געארבעט אזוי שווער אונז צו ערמעגליכן צו אנקומען צו דעם טאג."

**NHL קאמישאנער גערי בעטמען האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן גאווערנאר האקול, די ניו יארק איילענדערס, זייערע אנהענגער און אונזערע שותפים אין די רעגירונג און אין די פריוואטע סעקטאר ווענענס בליק אויף פאראויס, שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט האבן אונז ערמעגליכט צו אנקומען צו דעם היסטארישן טאג. פאר יארן לאנג האבן די איילענדערס געחלומ'ט פון א ערשט-קלאסיגע, הערליכע ארענע וואס זיי זאלן קענען רופן היים. היינט ווערט די חלום פארווירקליכט."

**קאָ-גרינדער פון Sterling Project Development, דזשעף ווילפאן און ריטשארד בראַון, האבן געזאגט,** "מיר זענען גאר שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט טים און סקאַט אזוי ווי מיר עפענען די UBS ארענע. מיר באדאנקען פון טיפן הארצן די גאווערנאר, די איבערגעגעבענע שטאב פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services), און אזוי אויך די לאקאלע ערוויילטע בעאמטע וועלכע האבן געשטיצט די טראנספארמאטיווע פובליק-פריוואטע שותפות'ן וועלכע וועלן טראנספארמירן די לאקאלע קאמיוניטי."

**פרעזידענט פון UBS Americas טאָם נאראטיל האט געזאגט,** "מיר זענען גאר שטאלץ צו זיין טייל פון די איינמאל-אין-א-דור געלעגנהייט אין די פינאנציעלע, אונטערהאלטונג און ספארטס הויפטשטאט פון די וועלט. עס איז גאר באגייסטערנד צו זעהן די UBS נאמען אויף די לאנד'ס הערליכע זאל, און מיר זענען דאנקבאר צו זיין אין די פאמיליע פון שותפים וועלכע האבן פארווירקליכט די UBS ארענע פאר אנהענגער, פאר די קאמיוניטי און פאר די איילענדערס פאלק."

**CEO פון Oak View Group טים ליוויק האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו אויפנעמען אנהענגער צו די UBS ארענע די סוף וואך. די נייע, הערליכע געביידע וואס איז געמאכט פאר מוזיק און

איז געבויט פאר האָקי וועט האבן אן ערפארונג וואס איז די סאמע בעסטע אין די פעלד. א דאנק פאר גאווערנאר האקול און פאר ניו יארק סטעיט פאר זייער געוואלדיגע שטיצע פאר אונזער טיעם און פאר די פראיעקט."

פאר בערך צוויי יאר האבן עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט און New York Belmont Partners און איר אפיליאירטע New York Arena Partners – א געמיינזאמע אונטערנעמונג פון Oak View Group, די ניו יארק איילענדערס און דזשעף ווילפּאן – אנגעפירט די בעלמאנט איבערמאכונג פראיעקט דורך א גרונטליכע און דורכזיכטיגע פובליק איבערבליק פראצעדור, וואס האט אריינגערעכנט 12 פובליק באגעגענישן און געהערן און אנגייענדע באגעגענישן מיט לאקאלע ארגאניזאציעס און פארמישטע פארטייען. די געדאנקען פון לאקאלע בעאמטע, קאמיוניטי מיטגלידער און די פראיעקט'ס קאמיוניטי אדווייזארי קאמיטע האבן אויסגעפארעמט די פראיעקט יעדע טריט פון די וועג, אריינרעכנענדיג די צוגעקומענע נייע עלמאנט-UBS ארענע LIRR סטאנציע און די רענאוואציע פון עלמאנט ראָוד פארק. אין זומער פון 2019 האט די פראיעקט באקומען די פובליק באשטעטיגונגען פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט באורד פון דירעקטארס, די פרענטשייז איבערזיכט באָורד ( Franchise Oversight Board) און די פובליק אויטאריטעטן קאנטראל באורד (Public Authorities Control Board).

**קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו אויפנעמען די ניו יארק איילענדערס צוריק צו לאנג איילענד. די נייע סטאדיום וועט אויפטרייבן דזשאבס און פארמערן לאקאלע עקאנאמישע געלעגנהייטן. די נייע LIRR סטאנציע אין עלמאנט – די ערשטע נייע סטאנציע אין כמעט 50 יאר – וועט ווייטער ערלויבן מער פובליק טראנספארטאציע אפציעס וועלכע וועלן פארגרינגערן פאר ניו יארקער צו פארן פון און צו די ארבעט און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו די UBS ארענע."

**סטעיט סענאטאר לירוי קאמרי האט געזאגט,** "פאראנטווארטליכע, קאמיוניטי-אנגעפירטע אנטוויקלונג איז וויכטיג צו צוריק ברענגען ניו יארק, און איך בין באגייסטערט איבער די צוזאמענארבעט וואס האט צוזאמען געברענגט די קווינס און נעסאו קאונטיס צו זעהן די איילענדערס זיך צוריקקערנדיג אהיים צו לאנג איילענד מיט די עפענונג פון די 1.1 ביליאן דאלארדיגע הערליכע UBS ארענע מיט מערערע באנוצן וועלכע געפונט זיך אין בעלמאנט פּארק. עס האט גענומען א היבשע מאס פון טוהן, אבער מיר קומען סוף כל סוף אן צו די ענדע, און מיר קוקן ארויס צו זעהן אן עקאנאמישע שטופ פאר די ראיאן און פאר די סטעיט. איך וויל לויבן און גראטולירן גאווערנאר קעטי האקול, די טיעם פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די MTA/LIRR פירערשאפט, די UBS Arena Partners, די ווילפאנס, דזשאן לעדעקי, אונזערע פריינט אין ארגאניזירטע לעיבאר, מיינע קאלעגן אין רעגירונג, אבער די מערסטע וויכטיג — קאמיוניטי פירער אויף די אדווייזארי קאונסיל און אנדערע וועלכע האבן זיך אויפגעשטעלט און גערעדט איבער וואס עס פעהלט זיך אויס צו געטוהן ווערן כדי צו היטן און באשיצן די גאנצקייט פון די געגנט בשעת'ן האבן א בליק אויף פאראויס צו רוקן אונזער סטעיט און אונזערע קאמיוניטיס אויף פאראויס. אנגעהויבן פון שטופּן פאר די נייע עלמאנט LIRR סטאנציע ביזן פארמערן די אויפמערקזאמקייט איבער די נויט פאר אפענע שטח און חינוך פראגראמען — האבן אונזערע לאקאלע איינוואוינער פירער אויסגעפלאסטערט די וועג פאר פובליק-פריוואטע שותפות און אינוועסטירונג וואס וועט בענעפיטירן די ראיאן פאר פילע צוקונפטיגע דורות."

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "די הערליכע נייע UBS ארענע אין בעלמאנט פארק דעמאנסטרירט וואס עס איז מעגליך דורך ווירקזאמע פובליק-פריוואטע שותפות'ן און פראדוקטיווע אנטיילנעמונג דורך די קאמיוניטי. די געוואלדיג הערליכע נייע איינריכטונג וועט סוף כל סוף ברענגען די איילענדערס צוריק אהיים צו נעסאו קאונטי ווי זיי באלאנגען, און עס וועט זיין א קוואל פון אונטערהאלטונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג וואס וועט בענעפיטירן אונזער גאנצע קאמיוניטי. איך בין דאנקבאר פאר די שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט פון יעדן איינעם וואס איז פאראנטווארטליך פאר די געוואלדיגע ערגרייכונג, אריינרעכנענדיג גאווערנאר קעטי האקול, די איינגעשטעלטע פון

עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, מיטגלידער פון די קאמיוניטי וועלכע האבן איבערגעגעבן זייערע געדאנקען, די פריוואטע סעקטאר און אלע ארבייטער וועלכע האבן זיך באוויזן דורכאויס די פאנדעמיע צו האלטן די פראיעקט צייטליך און לויט די בודזשעט. היינט איז באמת א גרויסע טאג פאר גאנץ לאנג איילענד!"

**סטעיט סענאטאר טאד קאמינסקי האט געזאגט,** "אהיים ברענגען די איילענדערס צו א הערליכע ארענע אין לאנג איילענד איז א זיג. די פראיעקט וועט פארשנעלערן די וואוקס פון די ראיאן און עס איז בלויז די אנפאנג פון וואס עס וועט זיין אן ערשט-קלאסיגע קאמפלעקס וואס ברענגט גוטע דזשאבס און מאסן טראנספארטאציע צו די ארומיגע קאמיוניטיס. די הייניטיגע טאג ווייזט אז מיר קענען טראכטן גרויס און ערייכן וויכטיגע, טראנפסארמאטיווע פראיעקטן."

**אסעמבלי מיטגליד קלייד וואנעל האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסע טאג פאר ניו יארק. מיר זענען באגייסטערט צו האבן די ניו יארק איילענדערס און די UBS ארענע אלץ אונזערע שכנים. באגלייט מיט גרויסע געשעעניש, ערווארטן מיר עס צו זיין א צענטער פון דזשאבס פאר אונזער קאמיוניטי. מיר זענען אויך באגייסטערט צו האבן א נייע לאנג איילענד באן סטאנציע. די UBS ארענע וועט זיין א געוואלדיגע פלאץ צו שאפן זכרונות פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**נעסאו קאונטי עקזעקיוטיוו לאורא קאָרען האט געזאגט,** "היינט איז א היסטארישע טאג פאר נעסאו קאונטי און פאר די איילענדער אנהענגער. די בעלמאנט פראיעקט האט בענעפיטירט אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס זינט די ערשטע טאג, שאפנדיג נייע דזשאבס און עקאנאמישע אקטיוויטעט, פארברייטערנדיג אונזער פובליק טראנספארטאציע נעטווארק און ברענגענדיג אונזערע באליבטע איילענדערס אהיים איינמאל פאר אלעמאל — א 'העט-טריק' פאר נעסאו. אלץ אן אנטשלאסענע שטיצער פון די באמיאנוג בין איך שטאלץ אז די טיעם האט פארענדיגט די ארבעט. לעט'ס גאָו, איילענדערס!"

**קווינס באראו פרעזידענט דאנאוען ריטשארדס האט געזאגט,** "קווינס איז גאר באגייסטערט צו אויפנעמען די ניו יארק איילענדערס צו די געגנט גלייך נעבן אונז, אבער מיר זענען אויך באגייסטערט איבער די נייע דזשאבס און עקאנאמישע אקטיוויטעט בענעפיטירנדיג אונזער באראו וועלכע די עפענונג פון די אטעם פארכאפנדע נייע UBS ארענע וועט אויפטרייבן. לחיים איבער דאס אהיים ברענגען די סטענלי קאָפּ פאר די איילענדער און אהיים ברענגען די עקאנאמישע שטיצע סיי פאר קווינס און סיי פאר נעסאו קאונטי."

**העמפּסטעד טאַון סופּערווייזאר דאנעלד קלעווין האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסע טאג פאר העמפסטעד טאַון און פאר ניו יארק סטעיט."

**פרעזידענט פון די לאנג איילענד פעדעראציע פון לעיבאר (Long Island Federation of Labor), דזשאן דורסאָו, האט געזאגט,** "גאווערנאר האקול, די איילענדער ארגאניזאציע, די אנהענגער און די ארבעטנדע מענטשן פון דעם ראיאן זענען זיך אלע צוזאמגעקומען צו מאכן דעם טאג א רעאליטעט. עס איז א סימבאלישע מאמענט אין די היסטאריע פון די איילענדערס און פון לאנג איילענד. אלע וועלכע זענען פארמישט זאלן זיין שטאלץ פון וואס מיר האבן ערייכט, און באגייסטערט פון וואס עס וועט נאך קומען אין די צוקונפט!"

**פרעזידענט פון די געביידע און קאנסטרוקציע האנדל קאונסיל (Building and Construction Trades Council), מעטי ארעיסיטש, האט געזאגט,** "מיר וואלטן נישט געקענט זיין מער באגייסטערט איבער די פארענדיגונג פון לאנג איילענד'ס היים פאר די NY איילענדערס. דורך די פראיעקט האבן מיר געזעהן די פארענדיגטע רעזולטאטן פון אונזערע טאלאנטירטע הענדלער פרויען און

מענער וועלכע האבן געארבעט ווי געניטע פאכלייט דאס צו מאכן די בעסטע אונטערהאלטונג דעסטינאציע אין דאס לאנד. די געביידע האנדל קאונסיל איז באזונדערס דאנקבאר פאר די ראלע וואס גאווערנאר האקול און NYS עמפייער סטעיט דעוועלאָפּמענט האבן געשפילט אינעם מאכן די פראיעקט פאר אן עקאנאמישע טרייב קראפט פאר נעסאו קאונטי און אינעם שטיצן ארגאניזירטע לעיבאר דורכאויס די גאנצע פראצעדור."

**פרעזידענט פון BJ SEIU32, קייל ברעג, האט געזאגט,** "ברענגען ניו יארק'ס געשעענישן צו זיין אפן און אקטיוו איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזער סטעיט'ס ערהוילונג. די עפענונג פון די UBS ארענע וועט ברענגען הונדערטע גוטע דזשאבס צו בעלמאנט, אריינרעכענענדיג פילע רייניגונג און זיכערהייט דזשאבס מיט א גוטע געהאלט פאר די גאנצע יאר. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די פראיעקט און מיר קוקן ארויס צו פילע לעבעדיגע סעזאנען דא."

**CEO און פרעזידענט פון NYRA, דעיוו אָוראָרק, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די UBS ארענע דינט אלץ דערמאנונג פאר יעדן פון וואס עס איז מעגליך אין ניו יארק סטעיט. בעלמאנט פארק איז א סימבאלישע שטח וועלכע האט צוגעשטעלט די פאדיום פאר טייל פון די מערסט באגייסטערנדע און אומפארגעסליכע מאמענטן אין די היסטאריע פון ספארטס, און מיר זענען באגייסטערט צו אויפנעמען די UBS ארענע און די ניו יארק איילענדערס צו זייער נייע היים אין די פלאץ וואו טשאמפיאנען זענען געקרוינט געווארן."

**טשעיר פון די עלמאנט פאראיין פאר שטאנדהאפטיגע דעוועלאפמענט ( Elmont Coalition of Sustainable Development), סענדרע סמיט, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די ארענע איז א געוואלדיגע געווינס פאר די עלמאנט קאמיוניטי. איך בין באגייסטערט צו פארזעצן צו ארבעטן מיט New York Arena Partners צו פארבעסערן אונזער קאמיוניטי און צו ברענגען מער געלעגנהייטן פאר די איינוואוינער פון עלמאנט."

**פרעזידענט פון די Elmont Cardinals דזשאַן דזשאנסאן האט געזאגיט,** "די פארענדיגונג פון די פראיעקט איז עפעס צוו וואס די עלמאנט קאמיוניטי האט ארויסגעקוקט. די ארענע וועט ברענגען פילע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר די עלמאנט קאמיוניטי. איך בין אייפערדיג צו ארבעטן צוזאמען מיט New York Arena Partners צו פארענדיגן די רענאוואציעס ביי עלמאנט ראוד פארק און צו שטיצן די לאקאלע קאמיוניטיס."

**עלמאנט קאמערס טשעימבער (Elmont Chamber of Commerce) פרעזידענט דזשוּלי מאַרקעסעל האט געזאגט,** "די עלמאנט קאמערס טשעימבער באגריסט די ניו יארק איילענדערס און די New York Arena Partners אלץ מיטגלידער פון די עלמאנט קאמיוניטי. די אונטערהאלטונג קאמפלעקס איז א לאנג ערווארטעטע צוגאב צו די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון ניו יארק סטעיט, נעסאו קאונטי און די עלמאנט קאמיוניטי אין אלגעמיין. מיר קוקן ארויס צו א לאנג-ארבעטנדע באציאונגען מיט אונזערע נייע שכנים!"

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן

די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די " I LOVE NEW YORK" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט http://www.regionalcouncils.ny.gov און esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418